Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 15 גראשען — היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 300 | Łódź, Poniedziałek, 26 grudnia 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, כ"ז כסלו תרצ"ג | № 300

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# א באמבע אין ארץ-ישראל

## שווער-פערוואונדעט א יודישען קאלאניסט מיט זיין זוהן

ירושלים, 25 (ספ. טעל.)

די לעצטע נאכט איז געווארפען געווארען א באמבע אויף דער בעקאנטער יודישער קאלאניע נהלל.

די באמבע האט געטראפען אינ'ם הויז פון יודישען קאלאניסט יעקבי.

ער איז שווער פערוואונדעט אין קאפ און אין די הענד.

זיין 9-יאהריגער זוהן איז שווער פערוואונדעט אויפ'ן גאנצען קערפער.

מ'האט דעם טאטען מיט'ן זוהן, אין א שווערען צושטאנד אפגעפיהרט אין שפיטאל אין חיפהן

די באמבע-ווארפער זענען אנטלאפען.

פון ירושלים איז קיין נהלל געקומען א ספעציעלער שליח, בכדי אויסצופארשען דעם ענין.

דער פאליטישער לייטער פון דער יודישער אגענץ, ד"ר ארלאזאראוו האט גלייך נאכן בעקומען די ידיעה וועגען באמבען-אטענטאט, בעזוכט דעם הויך-קאמיסאר וואוקאפ, וועלכער האט דערקלערט, אז ער איז פערזענליך אינטערעסירט, די טעראריסטען זאלען ענטדעקט ווערען.

## קאנפערענץ פון „החלוץ" אין ווארשא

ווארשא, 52. (טעלעפאניש).

עס האט זיך דא געעפענט די קאנפערענץ פון „החלוץ".

עס בעהמען אנטייל 150 דעלעגאטען.

## בענייטע אנטי-יודישע קאמפאניע פון די אראבער

ירושלים (יט"א) די אראבישע פרעסע האט ווידער אויפגעהויבען א קאמפאניע אונטער'ן לאזונג, אז די רעגירונג זאל ארויסגעבען א געזעץ, וואס פערבאט יודישען באדען-קויף אין א"י און אימיגראציע פון יודען קיין א"י. איינציגע צייטונגען דראהען זאגאר, אז די אראבער וועלען אין געגעבענעם פאל מוזען איבערנעהמען צו פולשטענדיגער „נאן-קארפעריישאן" פאליטיק לגבי דער רעגירונג.

אראבישע צייטונגען טיילען מיט, אז אינגיכען וועט אין ירושלים פארקומען א קאנפערענץ פון פארשטעהער פון אלע אראבישע פארטייען. אויף דער קאנפערענץ וועט נעוועהלט ווערען א דעלעגאציע, וואס וועט איבערגעבען דעם הויך-קאמיסאר די פאדערונג איינצופיהרען געזעצען, וואס פערבאטען יודישען באדען-קויף און יודישע אימיגראציע.

## ארבייטסלאזע האקעי אויס די שויבען פון אטוואצקער מאגיסטראט

ווארשא, 52. (טעלעפאניש).

א גרעסערע צאהל ארבייטסלאזע האט היינט מיט שטיינער אויסגעהאקט די שויבען אין אטוואצקער מאגיסטראט.

עס איז אנגעקומען פאליציי און די דעמאנסטראנטען זענען אנטלאפען.

## פרנסים-קאנפערענץ אין ווארשא

ווארשא, 52. (טעלעפאניש).

היינט האט זיך דא געעפענט די קאנפערענץ פון די מזרחי-פרנסים.

זיי רעדען ארום פראגען פון זייער טאקטיק אין דער קהלה.

## מ'קאן נישט קומען צו א הסכם וועגען דער פערטיילונג פון די סערטיפיקאטען קיין ארץ-ישראל

ווארשא, 52. (טעלעפאניש).

ד"ר ווערנער סענאטאר האט היינט קאנפערירט מיט די ציוניסטישע פראקציעס וועגען די סערטיפיקאטען.

ער טרעפט אבער אן אויף גרויסע מניעות, ווייל מ'קאן נישט קומען צו א הסכם וועגען דער פערטיילונג פון די סערטיפיקאטען.

## אין פראנקרייך האט דער רויטער קרייץ איינגעארדענט קאנפערענצען געגען גאז-קריג



אלע אנטיילנעהמער זענען דעריבער געזעסען אין גאז-מאסקעס.

Dr. med.
**H. Różaner**
הויט- און ווענערישע קראנקהייטען
NARUTOWICZA 9, tel. 128-98
עמפפאנגט פון 8–10 און פון 5–8 אוו.

**אויגען-קליניק**
מיט שטענדיגע בעטען פון
**Dr. B. Donchin**
פיעטריקאווער 90, טעל. 221-72
נעהמט אן שטענדיגע אויגען-קראנקע (צוועק אפעראציע א.ז.וו.), ווי אויך אמבולאטאריש פון 9–1 און פון 4 ביז 7.30 אווענד.
4091

**Dr. Wajnberg**
ספעצ. פון הארץ- און לונגען-קראנקהייטען
ציגעל-גאס 11, טעל. 126-02
נעמט אן פון 9–10 פריה, 3–4 און 8–9 אווענד.

**רעשטען**
לאדז, נאוואמיעסקא 5
פראנט, 2-טער שטאק
פערשידענע קאמגארנס
ביליצער, טאמאשאווער און לאדזער
אויף אנציגער און פאלטענס
ווי אויך די מאדערנסטע דאמען-שטאפען אויף פאלטנס און קאסטיומען
מיט 30% בילליגער
קומט און איבערצייגט אייך, ביי
**SZCZĘSLIWY**
געדענקט נאר
אין פראנט, II שטאק

**8-טונג שטריקער-מייסטער!**
דערמיט לאדנען מיר איין אלע שטריקער-מייסטער מיטגלידער ווי אויך נישט-מיטגלידער, אויף דער וויכטיגער **פערזאמלונג**, וואס קומט פאר היינט, מאנטאג, דעם 26-טען דעצ., פונקט 6 אווענד אין לאקאל פון צענטראלען יוד. האנדווערקער-פערבאנד, פאלודניאווא 4.
עס האנדעלט זיך וועגען זעהר וויכטיגע פאך-פראגען.
עס ליגט אין אייער אייגענעם אינטערעס די פערזאמלונג בייצוואוינען.
די פערוואלטונג.
5516

פאר געלד, בוישוטעריע און לאמבארד-קוויטעס צאהלט די העכסטע פרייזן
**איזידאר פיאלקא**
פיעטריקאווער 7. 8079

מביעים אנו את השתתפותנו החמה להחברות **סולנה** למות עליה **אמן** נ"ע
חברי חוג הנוער ע"י מפלגת הצבודה הציונית „התאחדות" בלודז
5515

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער שווער-געטראפענער
**פאמיליע זארזשעווסקי**
צוליב'ן טויט פון זייער אונפערגעסליכען מאן און פאטער, וויצע-פרעזעס פון אונזער פעראיין
**נ"ע אהרן** ב"ר לייזער ז"ל **זארזשעווסקי**
זייט געטרייסט מיט המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.
די פערוואלטונג פון פליישער-הורטאווניקעס-פעראיין, פארזשעטשנא 10 און קעלבער-שעכטער.
5510

נאך קורצע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען אין עלטער פון 56 יאהר און דערמוזלבען טאג צו קבורה געקומען מיין ליבער מאן, אונזער טייערער און אונפערגעסליכער פאטער, שוויגערפאטער, גרויספאטער און אנקעל
**נ"ע אהרן** ב"ר לייזער ז"ל **זארזשעווסקי**
(וויצע-פרעזעס פון יוד. פליישער-הורטאווניקעס-פעראיין, פארזשעטשנא 10)
וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער
**די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.**
5510

